


קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 209

פרשת תרומה · תשפ"ד



**בריוו צו די רעדאקציע:** ר'בן ש'ל י'שראל- רש"י הקדוש
3

**מיט א טיפערן בליק:** א ריכטיגע טעות
14

**פאר די ברסלב'ע שטוב:** דעת תורה
26


# מזל אדר דגים

א פרייליכע שמועס מיטן פיש סוחר **מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו** אלעס ארום דעם געשמאקן פיש, און נאך אינטערסאנטע שטריכן.


20

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
תרומה ח' אדר-א תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 05:14
מוצאי שבת ............ 06:47

מנחה מעריב תצוה.... 06:30




3 — בריוו
רש"י הקדוש



4 — אלץ און אלעמען
אייראפע



5 — היכל הקודש נייעס
א יאר פונעם גליון שיעורי חינוך



6 — געדאנקען
א דין תורה וועגן שוסטערי"



20 — אינטערוויו
א שמועס מיטן פיש סוחר מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו



26 — ברסלב'ע שטוב
דעת תורה


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה שלום אלי' פעלבערבוים הי"ו**
**וזוגתו דבורה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו ביילא תחי'**
**צו די שידוך שליט"א פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 16 | 29°/17° | Mostly Cloudy |
| Sat 17 | 29°/17° | Partly Cloudy |
| Sun 18 | 33°/17° | Partly Cloudy |
| Mon 19 | 36°/18° | Partly Cloudy |
| Tue 20 | 36°/15° | Partly Cloudy |
| Wed 21 | 32°/18° | Partly Cloudy |
| Thu 22 | 35°/23° | Snow Showers |
| Fri 23 | 35°/20° | Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן



בריוו צו די

# רעדאקציע

## ר'בן ש'ל י'שראל - רש"י הקדוש

לכבוד די מערכת פון קרית ברסלב בלעטל.

דער ראש ישיבה האט גערעדט ביי די ליל שישי שיעור פרשת יתרו ווי וויכטיג עס איז צו האבן א שיעור אין רש"י הק', און אז דאס איז פון די ערשטע שיעורים וואס תלמידי היכל הקודש דארפן האבן וכו' . האב איך געוואלט מיטטיילען מיט די חשובע ליינער אפאר אינטערסאנטע זאכען וואס מיר טרעפן פון צדיקים וועגן רש"י הקדוש.

דער הייליגע רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן רכג) אז רש"י איז די ברודער פון די תורה הקדושה, ווייל אלע אידן לערנען תורה שבכתב ושבעל פה מיט פירוש רש"י. אזוי אויך זאגט אלס דער ראש ישיבה אז רש"י איז מסוגל ליראת שמים, אזוי ווי די מחבר פירט אויס (סימן רפה ב) "ויירא שמים יקרא תרגום וגם פירש רש"י.

אויכעט איז **רש"י** ראשי תיבות י**'ר'את ש'מים.**

אזוי אויך שטייט פון צדיקים אז רש"י איז **מסוגל לרפואה,** ווייל רש"י איז ראשי תיבות פון די פסוק **ר'ק ש'בתו י'תן ורפא ירפא,** אויב ס'דא ר'ק ש'בתו י'תן וואס דאס איז רש"י הקדוש, דאס הייסט אז מ'לערנט רש"י דעמאלטס איז ורפא ירפא.

דער הייליגע קאמארנא זאגט (הובא בספר אשי ישראל של זקני הרב רבי יצחק לעזער שליט"א פרשת בראשית שנת תשפ"ד) א פלא'דיגע זאך, אז ווען יצחק אבינו איז געלעגן אויף די ע ק י ד ה

אין דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו "אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה" (בראשית כב, יב) האט אים אברהם אבינו נישט געוואלט אראפנעמען פון די מזבח ביז דער אייבערשטער וועט אים צוזאגן אז רש"י הק' וועט זיין פון זיין יוצאי חלציו.... און דאס איז מרומז אין די פסוק וירש זרעך את שער אוביו - **'וירש זרעך'** איז די אותיות **'ורש"י זרעך'.**

ווי באוויסט (של"ה הק' מסכת שבועות פרק קפא-א, ועוד) ליגט אין יעדער ווארט פון רש"י הקדוש רוח הקודש, דער חיד"א ברענגט (שם הגדולים ערך רש"י) ווען רש"י האט מסיים געווען זיין פירוש על התורה, האט זיך משה רבינו אנטפלעקט צי אים און געזאגט אז האסט מכוון געווען צו די פירוש וואס איך האב מקבל געווען פונעם אייבערשטן אויף הר סיני נאך מתן תורה ווען איך בין ארויף געגאנגען מקבל זיין די לוחות. און ווי רש"י אליינס איז מעיד, נאך וואס רש"י איז מבאר באריכות די אלע פלעצער וואס יחזקאל האט געזען, פירט רש"י אויס (יחזקאל מב, ג) וז"ל **"ואני לא היה לי לא רב ולא עוזר בכל הבנין, אלא כמו שהראוני מן השמים.**

היות ס'דא נאך אסאך צי שרייבן, און איך וויל שוין לערנען די לאנגע רש"י'ס פון די וואך בין איך מקצר....

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלען פאלגן צדיקים, וועלן מיר זוכה זיין צו אלעס גוטס.

א דאנק פאר די שיינע אויסגאבע וואס איז מלא תוכן, וואס יעדער איינער גרויס און קליין, יונג און אלט באלעקן זיך מיט דעם.

חיים ישעי' דעפריס - קרית ברסלב



איבער

# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## אייראפע

כאטש אייראפע איז כמעט די קלענסטע קאנטינענט, פארמאגט זי אבער גאר א גרויסע באפעלקערונג, אין אייראפע וואוינען היינט צו טאגס א געשאצטע דרייפערטל ביליאן מענטשן, און באשטייט פון פינף און פערציג אינטערנאציאנאל אנערקענטע לענדער.

דער מערסטער צו רעכטס איז דער ריזיגער רוסלאנד (א פערטל רוסלאנד געפונט זיך אין אייראפע), דערנעבן געפונען זיך די אנדערע סלאווישע לענדער פון אויבן אראפ: עסטאניע, לעטלאנד (לאטוויע), ליטע (ליטועניע), ווייס רוסלאנד (בעלארוס), אוקריינא, מאלדאווע, פוילן, טשעכיי, און סלאוואקיי.

דערנאך קומען די באלקאן לענדער וואס געפונען זיך גאנץ אונטן נעבן מיטלענדישן ים: גריכנלאנד, אַלבעניע, צפון מאסעדאניע, קאסאווא, סערביע, מאנטענעגרא, באסניע און הערצאגאווינע, בולגריע, קראָאַטיע, און סלאוועניע.

אינצווישן געפונען זיך די לענדער פון רומעניע און אונגארן, און גאנץ אונטן איטליע. אין איטאליע געפונען זיך די צוויי פיצעלע לענדער פון סאן מארינא און וואטיקאן סיטי און דערנעבן אינעם ים געפונט זיך דער קליינער אינזל לאנד מאלטא.

דערנאך קומט צענטראל אייראפע, די דייטש רעדנדע לענדער: עסטרייך, שווייץ, דייטשלאנד, האלאנד (נעדערלאנדס), דענמארק, בעליגע און די פיצעלע לענדער פון ליכטענשטיין און לוקסעמבורג.

לינקס אונטן געפונען זיך די לענדער פון פראנקרייך, מאָנאַקאָ (א קליין לענדל), שפאניע, פארטוגאל און דער פיצלע אַנדאָראַ לענדל.

גאנץ אויבן געפונען זיך די נארדישע (צפונישע) לענדער: פינלאנד, שוועדן און נארוועגיע, און דערנאך אינמיטן דעם אטלאנטישן אקעאן איסלאנד.

פון דארט גייען מיר צענטער לינקס קיין גרויס בריטאניע ווי עס געפונען זיך ענגלאנד און דערנעבן אירלאנד.

אין די לעצטיגע היסטאריע פון אייראפע ביז בערך צוויי הונדערט יאר צוריק זענען די גוים געווען אונטערגעווארפן אונטער די פריצים און קעניגן פאר הונדערטער יארן וועלכע האבן אונטערדרוקט די פויערן וועלכע זענען געווען ווי קנעכט פאר זיי, און רוב רובם פון די אייראפעער האבן נישט געקענט קיין צורת אות. אין די זעלבע צייט האבן אידישע קינדער געלעבט אין די תקופה פון די ראשונים, און בעלי תוספות וועלכע האבן געלעבט אין שפאניע, פראקרייך ענגלאנד און נאך און האבן פון דארט באלויכטן די וועלט מיט זייערע ספרים תשובות און ישיבות. אידישע קינדער האבן געדינט דעם אויבערשטן בתמימות ובפשיטות.

די מלוכות צווישן זיך האבן זיך כסדר ארומגעריסן ווער זאל איינעמען וועלכע שטח, שווערע מיליאנען מענטשן זענען געשטארבן אין די אלע זינלאזע מלחמות וואס האבן נישט געברענגט קיין שום נוצן פאר קיינעם.

אונזערע עלטערן און זיידעס האבן גארנישט געוואלט אויסער מען זאל זיי לאזן דינען דעם אויבערשטן, אבער די גויים האבן נישט אויסגעהאלטן צו זען אידישע קינדער ווי זיי לעבן א שיינע לעבן מיט זייערע משפחות, מען פראוועט שבתים און ימים טובים, בשעת זיי פלעגן ארבעטן ווי קנעכט בלויז כדי עס צו קענען פארטאכלעווען אויף א פלעשל משקה.

במשך די הונדערטער יארן אין אייראפע האבן די גויים אומגעברענגט על קידוש ה' מיליאנען אידן ווען די פשוטסטע אידן האבן מקדש געווען דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויסשרייענדיג שמע ישראל מיט א שמחה בשעת מען האט זיי געשחט'ן און פארברענט, זאל עס זיין בשעת די פארשאלטענע שפאנישע אינקוויזיע, גזירת ת"ח ות"ט, די אומצאליגע בלוט בלבולים, און פאגראמען וואס די אייראפעישע פויערן האבן מיט די גרעסטע מאס רציחה זיך א לאז געטון אויף די ארימע אידן. און צום לעצט ווען איבער זעקס מיליאן אידן זענען אומגעברענגט געווארן על קידוש ה' נישט לאנג צוריק דורך די נאציס און זייערע מיטהעלפער און די פילע לענדער וואס זיי האבן אקופירט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן ס'איז כדאי מען זאל לערנען מיט די קינדער וואס גויים זענען. בשעת ווען די גאס בליטשעקט און ווינקט צום יוגענט און פרובירט אוועקצושלעפן אידישע קינדער פון אויבערשטן, איז וויכטיג זיי זאלן וויסן ווי שטארק זיי האבן אונז ליב. ווען פאר די וועלט מלחמה איז דייטשלאנד געווען דער ביישפיל פון קולטורעלע פארגעשריטנקייט, די שפיגעלע פון פארשריט און דעמאקראטיע, דארט האבן אלע געהאט גלייכבארעכטיגונג; אבער א מענטש אן תורה איז ערגער פון א חי' פון וואלד; א חי' וועט נאר עסן א צווייטן ווען ער איז הונגעריג. יא עס איז גוט צו זיין א איד!

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

## היכל הקודש
# נייעס

### אויפגעבאפטע גליון "שיעורי חינוך" צייכענט אפ א גאנצע יאר



אין די טעג ווערט אפגעצייכענט א גאנצע א יאר צייט פון ווען די הערליכע גליון "שיעורי חינוך", איינע פון די פולע גליונות פון היכל הקודש האט אנגעהויבן ארויסקומען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו די וואך צו די מוציאי לאור שטארקע דברי חיזוק אז זיי זאלן זיך שטארקן ביתר שאת וביתר עוז ווייטער ממשיך זיין צו מיט די הייליגע ארבעט, דער ראש ישיבה שרייבט צווישן אנדערע "יעצט איז געווארן א יאר פון ווען דו האסט אנגעהויבן ארויסגעבן דעם הערליכן גליון שיעורי חינוך. דער גליון האט געמאכט א גרויסע מהפיכה אין די וועלט; אפילו די וואס ווילן נישט אריינגעמען אין האנט א ברסלב'ע צעטל - אבער דעם גליון נעמט מען יא, ווייל אלע דארפן עצות אויף חינוך; אלע זענען פארלוירן אין דעם ענין". דער ראש ישיבה שרייבט ווייטער "די וועלט דארף רחמי שמים; עס בלאז לינקע ווינטן, און די חינוך פון אונזערע קינדער איז אין א סכנה, מען דארף האבן דעם רבינ'ס עצות און שכל וויאזוי מחנך צו זיין די קומענדיגע דורות מיט יראת שמים און קדושה וטהרה".

ווי די ארויסגעבער דערציילן הערט מען צוריק גריסן פון אלע שיכטן אין קרייזן אין כלל ישראל, זאל עס זיין חסידישע, ליטווישע, אשכנזישע, ספרדישע, מען הערט צוריק פון טאטעס פון מאמעס, פון מלמדים, און פון מיידל שולעס, ווי זיי זענען מחיה מיט די געוואלדיגע גליונות וואס עס קומט זיי צוניץ מידי יום מיומו און דאס איז ממש זייער וועג ווייזער צו מחנך זיין די קינדער וכו' זעענדיג דערין א געוואלדיגע נחיצות און מאכן זיכער נישט צו פארפאסן קיין איין גליון וואס האט שוין פילע פון זיי געשטעלט אויף די פוס.

מענטשן זענען היינט זייער פארלוירן, מען ווייסט נישט ווי זיך אהין צו טון, מען רופט פעדאגאגן, פסיכאלאגן, מומחים און טעראפיסטן אויסצולערנען די מלמדים וויאזוי צו פירן א כתה, מען לויפט זיי נאך, און מען צאלט זיי וויפיל עס לאזט זיך, מען פרובירט זיך אנצוכאפן אין א שטרוי כדי געראטעוועט צו ווערן פון די מבול פון הפקרות וואס האט ארום גענומען די וועלט, און דא באגעגענען זיי א גליון אראפגעלייגט די יסודות פון חינוך אזוי שיין און קלאר מיט קלארע עצות און שכל וויאזוי מען קען זיך אפגעבן מיט די קינדער, און אלעס איז גענומען פון די תורה.

מיטן אויבערשטענ'ס הילף האפן די ארויסגעבער מיט די צייט צו מסדר זיין די פילע גליונות און מאכן דערפון אין שיינע ספרים וואס וועט באלייכטן טויזנטער אידישע שטובער, און מהנה זיין כלל ישראל מיט דעם גרויסן אוצר.

און דא איז טאקע דער פלאץ זיך צו באדאנקן פאר די מוציאים לאור פון דעם געוואלדיגן גליון און פאר אלע וואס העלפן זיי צו סיי מיטן עס איבערטייטשן אויף לשון הקודש פאר די אלע וואס פארשטייען נישט די אידישע שפראך און סיי פאר די מגיהים און אויסשטעלעס און אזוי ווייטער, דער אייבערשטער וועט זיי אוודאי באצאלן מיט אלעם גוטן.

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן א געוואלדיגע מוסר השכל פון דעם גליון, וואס איז צושטאנד געקומען פון עטליכע אינגעלייט תלמידים פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס האבן געטראכט א געדאנק - אזוי ווי נאך אסאך מענטשן - אבער האבן עס גענומען מכח אל הפועל, און פון דעם דארפן מיר זיך אלע אפלערנען, מען זאל בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל קענען אויספירן די געדאנקען וואס מען האט אויף למעשה.

אויך דארף מען דא דערמאנען אלע תלמידי היכל הקודש, יעדער איינער זאל נעמען א חלק אין פארשפרייטן די הייליגע עצות וואס מען באקומט יעדער איינער אויף זיין וועג, איינער קען מאכן הפצה מיט די גליונות, איינער קען דרוקן, און איינער קען געבן געלט פאר הפצה, וואס מיט דעם האט מען א חלק אין די גאולה.

## געדאנקען

**משה ארי' שניצלער**



# א דין תורה וועגן שוסטעריי

אין א קליין שטעטעלע מיט'ן נאמען הוידו-טשיפסקארן (זייער א ארעם שטעטעלע, נישטא דארט צו באקומען קיין קארנטשיפס, נעבעך, דערפאר מוזן זיי עסן טשיפסקארן, דערפון נעמט זיך דער נאמען פון דעם בא'חנ'טן שטעטעלע) וואס געפינט זיך צווישן ניר-מארמעלאדע און קישקישליקעריש, שטייט דארט אין מארק שלום שוסטער, און פאררעכט שיך פון באגינען ביז אוונט.

זיין שוסטעריי קעמערל נעמט אריין נישט מער ווי ס'האלצערנע בענקל וואס איז אנגעהויפנט ביז'ן דאך מיט קליינע שטיקלעך לעדער וואס סיי ס'איז צו קליין צו נוצן און סיי ס'איז א שאד אוועק צו ווארפן, אזוי ארום מוז שלום שוסטער טון ס'מערסטע פון די שוסטעריי ארבעט תחת כיפת הרקיע. און אזוי לעבט זיך שלום א באשיידן לעבן שוין צענדליגער יארן. דער עולם ברענגט זייער צוריסענע שיך, און שלום פאררעכט זיי גיך.

איין טאג איז ארויס א שמועה אז דער שוסטער פון מינסק, מיט'ן נאמען שימעלע מינסקער, האט אויסגעלערנט זיין שיעלע דעם פאך און אים געשיקט קיין הוידו-טשיפסקארן צו עפענען א שוסטעריי. שלום שוסטער פון הוידו-טשיפסקארן גלייבט נישט די שמועות.

ער האט נישט געדארפט גלייבן, ווייל דעם אנדערן טאג האט ער געזען אז ס'איז א פאקט. שיעלע איז דא! און פארריכטן שיך ער גייט!



שלום שוסטער ווייסט וואס ער האט צו טון, ער גייט צו צום קהל'ס הויף, מעלדט דעם גבאי'ן אז ער מוז אן אפוינטמענט בים קארנטשיפס'ער





רב זאל לעבן און געזונט זיין ביז משיח'ס טאג.

דער גבאי קלאפט אויפ'ן רב'ס טיר, דער רב צייגט אן אז מ'זאל אריין. שלום שוסטער זאגט דעם רב אז א נייער שוסטער איז דא אין שטאט, ס'איז פיקוח נפשות און קיפוח פרנסות, ס'איז צרות צרורות, דער רב זאל רחמנות האבן און אפשטעלן די קריוודע.

דער רב זאגט אז שלום איז גערעכט! מ'וועט עס אין ארדענונג ברענגען.

דער רב שיקט דעם גבאי'ן צו ברענגען שיעלע'ן. איז אמת אז דו ביסט מקפח שלום שוסטער?

שיעלע איז מסביר אז שלום שוסטער איז דער וואס דארף ווערן אפגעשטעלט, הזאת נעמי?! דאס איז א שיך? אזא שוסטער דארף מען שטראפן ער זאל זיין געצווינגען צו גיין מיט די שיך וואס ער מאכט! איין טריט אין שיעלע'ס שיך וועט איר זען וואס הייסט שיך!

דער רב זאגט ער איז גערעכט!

קומט אריין די רעבעצן, זי פרעגט דעם רב מיט א שמייכל, נו, ווער האט געווינען די דין תורה? ווער איז גערעכט?

ביידע!

ווי קען זיין ביידע גערעכט?

מיין טייערע אשת חיל! איך זאג דיר ביידע זענען גערעכט!

אבער ס'קען דאך נישט זיין ביידע גערעכט?!

דו ביסט אויך גערעכט!

אזוי שנעל ווי די רעבעצין שפאנט ארויס פון רב'ס צימער,



## אבער ס'קען דאך נישט זיין ביידע גערעכט?!

הייבט דער גבאי אויף ביידע אויגנברעמען, סיי די רעכטע קערצערע שווארצערע, סיי די לינקע מיט די פורפל ווארצל אינמיטן. דער רב דערקענט אז דער אימער-איידעלער גבאי האט עפעס וויכטיגס אונטער די לונגען און מוז עס ארויסזאגן כדי ס'זאל אים נישט שטעכן ביז מארגן נאכ'ן מאטיאש.

יא, טייערע גבאי! Speak your mind!

מורמלט זיך דער גבאי אזוי שטיל אונטער די וואנצעס, ווי קען זיין אז אלע דריי זענען גערעכט?!

דו, מיין טייערע גבאי, ביסט אויך גערעכט! די גאנצע וועלט איז גערעכט! איך האב נישט קיין איבעריגע צייט פאר מענטשן מיט געשווילעכטסער אויפן האלז (א נישט קלוגער מענטש הייסט א מענטש מיט א געשוויר אויפ'ן האלז, ווייל קיין קאפ האט ער דאך נישט, מוז זיין אז דאס איז אזא סארט






געשווילעכטס).

די מעשה האב איך זיך דערמאנט מוצאי שבת קודש פרשת יתרו, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט די גמרא אין מסכתא בבא קמא דף צ"ב עמוד ב', די גמרא רעדט דארט פון די סוגיא וואס הייסט "איך בין מיט דיר", איך האב נישט קיין צייט צו טענה'ן. אזוי ווי די ווערטל גייט life is short, stop arguing.

אויך איז דא א באקאנטע שפריכווארט, life belongs to those who apologize more and argue less.

אז מ'קוקט דארט אין די גמרא זעט מען דעם אלטן שפריכווארט, אז איינער זאגט דו ביסט אן אייזל, פרעג אים וואו מקויפט א זאטל, טענה נישט! ווער ס'טענה'ט זיך איז א סימן ער איז ווייט פון א חכם. ס'א שאד די צייט!

מוהרא"ש האט באוויזן א קונץ וואס איך ווייס נישט אויב נאך איין מענטש האט באוויזן, אלע ספרדים טראכטן אז מוהרא"ש איז געווען א ספרדי, און אלע אשכנזים האלטן אז מוהרא"ש איז געווען א אשכנזי...... און וואס איז מוהרא"ש געווען באמת?

וואס א חילוק?

דער עיקר האט מוהרא"ש געוואלט יעדער זאל פילן אז מוהרא"ש איז מיט מיר, מוהרא"ש איז אויף מיין זייט, במילא וועסטו אפשר יא אנהייבן רעדן צום אייבערשטן.

ס'האט אמאל אויסגעבראכן א שטרייט אין א קהילה, ס'איז געווען אסאך מענטשן אויף ביידע צדדים פון די מחלוקה, נעבעך, פון ביידע זייטן איז געווען נאכפאלגערס וואס האבן גערעדט צו מוהרא"ש דערפון. און ביידע זייטן האבן געהאלטן אז מוהרא"ש איז אויף זייער זייט! דאס האב איך אליין געהערט פון ביידע צדדים..... ראיות ברורות האבן זיי ביידע געהאט אז מוהרא"ש איז מיט זיי".....

אפילו מיט די יצר הרע איז אויך דא עפעס אזא סארט זאך, איך בין מיט דיר. איך גיי טון וואס דו זאגסט (חס ושלום) אבער דו מוזט מיר קודם געבן פינף מינוט..... קודם א פרק משניות, נאכדעם וועט שוין די תורה באשיצן דעם מענטש נישט צו וועלן טון די עבירה.

די גאנצע זאך פון צושאקלען מיט'ן קאפ, אז "איך בין מיט דיר", איז זייער וויכטיג צו געדענקען ביים זאגן משניות, ווייל באלד וועט צוקומען צו דיר איינער און זאגן, אז ס'שטייט פון בעל מחבר הספר הנפלא "א האלבן טאג לערנט ער נישט און א האלבן טאג ארבעט ער נישט" אז זאגן משניות הייסט נישט געלערנט, דארפסטו גלייך געדענקען די שיינע זאך פון צושאקלען מיט'ן קאפ. אהא! אהא! נא! נו! ני! נעעע! אהא! אהההההאאאאא! זאג אים אז דו ביסט מיט אים און האק אריין נאך און נאך משניות! נא שירעם! נא קארנער! נא! אהא! אהא! איך בין מיט דיר!!!!!

**ביידע זייטן האבן געהאלטן אז מוהרא"ש איז אויף זייער זייט!**



EXPERT FITTER
*Alterations done on premises*

# GRAND OPENING

IN LIBERTY NY

Delicate Rose
FINE LINGERIE

OPEN ALL YEAR ROUND
**CALL FOR SUNDAY AND EVENING APPOINTMENTS**

**SE BRAUN 347.693.7915**

ABERGELE • VA BIEN • YOU • FITFULLY YOURS • GEMSLI



# מעשיות פון תפילה

## יואל וועבערמאן - קרית ברסלב:

איך פאר זייער אסאך אויפן הייוועי. אויף איין פלאץ אינמיטן די הייוועי איז געווען איין סיין וואס איז נישט געווען אזוי אויסגעהאלטן און עס ליגט שוין דארטן זייער לאנג. לעצטנס האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל אראפנעמען דעם סיין און טוישן אויף עפעס אנדערש, בערך פאר די לעצטע צוויי וואכן האב איך געבעטן, און פאריגע וואך אינמיטן פארן כאפ איך אז די סיין איז שוין נישט דארט מען האט עס געטוישט אויף א בילד פון שיינע גראז.

שכח אייבערשטער אז יעדע תפילה ווערט אנגענומען.

## ישראל דוד העסקעל - קרית ברסלב:

איך האב געהאט באשטעלט א טיש און בענקלעך פאר מיין קאך מיט פיר מאטראצן.

אויפן ארדער איז געשטאנען אז ס'גייט געשיקט ווערן מיט פעדעקס און וועט אנקומען ביז עטליכע טעג.

איך האב עס באשטעלט נאך בעפאר איך האב זיך אריינגעצויגן, אזוי ווען איך קום אן זאל שוין אלעס זיין דא.

למעשה ווען איך האב זיך אריינגעצויגן האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'גייט אנקומען שפעט, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן מאטראצן צו קענען שלאפן, און שכח אייבערשטער אז מיר האבן ברוך השם געהאט מאטראצן פאר יענע נאכט!

צוויי טעג שפעטער באקומען מיר א מעסעדש אז מיינע זאכן זענען דעליווערט געווארן, די פראבלעם איז נאר געווען אז איך האב נישט געוואוסט וואו... צו מיר אין שטוב איז גארנישט אנגעקומען, און אויך נישט צו מיינע שכנים.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן דאנערשטאג ביי פתיחת הארון אז אלע באקסעס זאלן אנקומען צו מיר אין שטוב.

וכך הוה ווען איך בין אהיימגעקומען פון דאווענען זענען אלע באקסעס שוין געווען ביי מיר אין שטוב.

וואס איז געווען די מעשה?

מיין חשובער שכן מו"ה שמעי איינהארן הי"ו האט מיטגעהאלטן די גאנצע מעשה און ס'איז אים איינגעפאלן אז ארויפציר די גאס איז דא א שטאל, אפשר זענען די פעדעקס חברה געווען פויל און האבן עס אהינגעטראגן...

ער איז אהינגעפארן מיט זיין טרעקל און טאקע געטראפן דארט אלע מיינע באקסעס און עס געברענגט צו מיר אין שטוב אריין! שכח אייבערשטער!

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

איין טאג גיי איך הפצה אין די שטאט ראש פינה, ווען אינמיטן הייבט אן צו רעגענען, און קיין שירעם האב איך נישט...

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל מיך ווערן גוט (אן קיין עצות וויאזוי ס'זאל ווערן גוט...) אזוי שמועס'נדיג מיטן אייבערשטן בין איך אריין געלאפן מיט די קונטרסים אין א באס סטאנציע אונטערן דאך.

ווי נאר איך האב געענדיגט בעטן דעם אייבערשטן הער איך ווי א קאר פייפט מיך 'בחור! קום אהער! גיב מיך א קונטרס און נעם דיך צדקה! וואס באהאלטסטו זיך דארט, איך לעב פון דעם, און איך האב זייער שטארק געוואלט דו זאלסט דא שטיין היינט, א נס אז כ'האב דיך באמערקט! וואס טוט זיך דא מיט דיך? דו ווערסט נאס! נעם דא מיין שירעם איך האב דאך א קאר...'

שכח אייבערשטער!

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַייךְ שַׁבָּת; מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, מֶען קֶען שְׁפִּירְן דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער.

עֶרֶב שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי עֶס אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט מִכָּל טוּב. יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דַארְף עֶפֶּעס אוֹיף שַׁבָּת; חַלּוֹת, פִּישׁ, פְלֵייש וְכַדוֹמֶה, הָאט וָואס אַהֵיים צוּ טְרָאגְן.

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִיר זָאלְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; דֶער גַאנְצֶער טָאג גֵייט אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען הוֹיבְּט אִיר אָן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִילָּה.

בַּאזוּנְדֶער בֶּעט אִיךְ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען הֲלָכָה פַארְטָאגְס צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ לֶערְנֶען צוּזַאמֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**נֶעמְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען אַז דוּ מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאלְן הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן; נֶעמְט אַ דַיָּין, אַ רַב, אָדֶער סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין אוּן וַוייזְן דֶעם גְלַייכְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

**אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען זֵייעֶר וַוייט פַארְקְרִיכְן;** נֶעם צְנִיעוּת פַאר אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי דִי כַּת הַשְׂאַלִים צוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג, אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט וָואס צַדִיקִים זָאגְן, וָואס זֵיי גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג מִיט דִי תּוֹרָה זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת, דָאס אִיז פְּרִיצוּת רַחְמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (שו"ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק כה, ג' אֲלָפִים קע"ט) אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת, עֶס אִיז פַארְקֶערְט פוּן צְנִיעוּת.

פְּרֶעג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוֹיבּ זִי אִיז גְרֵייט צוּ הֶערְן מַיין דֵעָה אִין אַלֶע קָאנְפְלִיקְטְן וָואס גֵייט פָאר צְווִישְׁן אַייךְ; אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער
## ראש ישיבה שליט"א



## שמירת עינים
### חלק ב'

**אין א שמועס איבער זיך היטן די אויגן האט דער ראש ישיבה געזאגט:** פאר דו גייסט ארויס פון שטוב זאלסטו אזוי טון, לייג ארויף דיין האנט אויפן מזוזה און זאג דעם פסוק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", און בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל זיך היטן מיינע אויגן, העלף מיר איך זאל נישט ווערן פארברענט פונעם יצר הרע וואס וויל מיר אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענער וועלט, ברענג מיר צוריק אהיים בשלום"; אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן. און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, דאס וועט דיר ראטעווען פון שלעכטס.

מען האט אמאל געהערט ווי א ברסלב'ער איד גייט אין גאס זוממער און מורמעלט זיך אונטער: "איך וויל קינדער וואס וועלן ארויס געבן ספרים", "איך וויל קינדער וואס וועלן זיין ערליכע אידן", האט מען אים געפרעגט: "מַה מָּקוֹם לִתְפִלָּה זוּ?" וואס איז פשט פון בעטן דא אויפן גאס פאר קינדער וואס וועלן מחדש זיין חידושי תורה, האט ער געענטפערט: "איך רעד צו מיר אליין; איך האב יעדע סעקונדע א גרויסע תאוה אויפצוהייבן מיינע אויגן און קוקן אויפן גאס וכו', עס איז מיר זייער שווער צו היטן מיינע אויגן, אבער איך דערמאן זיך וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב', סימן יט): "מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה", ווער עס קוקט נישט אויף פרעמדע פרויען וועט זוכה זיין אז זיינע קינדער וועלן ארויס געבן ספרים פון חידושי תורה; דערפאר רעד איך צו מיר אליינס, איך חזר צו מיר אז עס לוינט זיך ענדערש אראפ צו קוקן, ווייל אזוי וועל איך האבן קינדער וואס וועלן זיין ערליכע אידן תלמידי חכמים..

(מכתב ב' טהרה תשע"ח)

# א מעשה
## פון א צדיק



דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם אִיז גֶעוֶוען בַּאוִויסְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דִי דָאקְטֶער פוּנֶעם קֶענִיג, עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג דַארְפְן גֵיין צוּם קֶענִיג צוּ הֵיילְן זַיינֶע קְרַאנְקְהֵייטְן.

יֶעדְן טָאג הָאט גֶעוַוארְט בַּיי זַיין טִיר לַאנְגֶע שׁוּרוֹת פוּן טוֹיזֶענְטֶע קְרַאנְקֶע. עֶר הָאט יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוִויסְט דִי קְרַאנְקְהֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דֶערְנָאךְ פְלֶעגְט עֶר זָאגְן פַאר זַיין אַרְבֶּעטֶער וָואסְפַארַא מֶעדֶעצִין צוּ פַארְשְׁרַייבְּן, דֶער חוֹלֶה פְלֶעגְט דָאס נֶעמֶען אוּן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן דֶערְפוּן.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם - דֶער אֶבֶן עֶזְרָא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גָדוֹל בַּתּוֹרָה, אוּן הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַ פֵּירוּשׁ עַל הַתּוֹרָה. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אֵיינְס פוּן זַיינֶע פִּיּוּטִים וָואס עֶר הָאט פַארְפַאסְט "אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ פַארְקוֹיפְט לֶעכְט וָואס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָוארְן טוּנְקְל, אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ פַארְקוֹיפְט תַּכְרִיכִים וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין מֵתִים. מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגְן זַיי אָרִימְקֵייט, אַז עֶס אִיז אִים לֵיידֶער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קֵיין שׁוּם פַּרְנָסָה.

דֶער אֶבֶן עֶזְרָא הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רַמְבַּ"ם אִיז מַצְלִיחַ, עֶר הָאט גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין הָארְץ אַ שְׁטִיקְל קִנְאָה אוֹיפְן רַמְבַּ"ם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ "אִיךְ גֵיי אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְן".

עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי שׁוּרָה מִיט אַלֶע קְרַאנְקֶע, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רַמְבַּ"ם הָאט דֶער רַמְבַּ"ם אִים אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגְן, אוּן דֶערְנָאךְ גֶעזָאגְט פַארְן אַרְבֶּעטֶער צוּ פַארְשְׁרַייבְּן אַ גֶעוִויסֶע רְפוּאָה פַארְן אֶבֶן עֶזְרָא.

דֶער אֶבֶן עֶזְרָא הָאט גֶענוּמֶען דִי צֶעטְל אוּן גֶעלַאכְט צוּ זִיךְ אַז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ פַארְנַארְן דֶעם רַמְבַּ"ם. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם אַפְּטֵייקֶער זֶען וֶועלְכֶע מֶעדֶעצִין דֶער רַמְבַּ"ם הָאט אִים פַארְשְׁרִיבְּן.

דֶער אַפְּטֵייקֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם בַּאקְסֶעל אִין וָואס דִי צֶעטְל אִיז גֶעלֶעגְן אוּן עֶר נֶעמְט אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ "שְׁטַר פוּן גֶעלְט" אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס אַהִין פַארְן אֶבֶן עֶזְרָא זָאגֶענְדִיג "דָאס אִיז פַאר דִיר לְכָבוֹד שַׁבָּת"! דֶער אֶבֶן עֶזְרָא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט פַארְוואוּנְדֶערְט וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאט דֶער אַפְּטֵייקֶער זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַארְן אֶבֶן עֶזְרָא "אִיךְ הָאבּ דָא גֶעלֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאַת שַׁבָּת".



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון הרמב"ם אין טברי'**

הָאט דַאן דֶער אֶבֶן עֶזְרָא גֶעזֶען אַז דֶער רַמְבַּ"ם אִיז גֶערֶעכְט, דֶער רַמְבַּ"ם הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין זַיינֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזֶען אַז עֶס פֶעלְט אִים נִישְׁט גָארְנִישְׁט אִין גֶעזוּנְט, עֶס פֶעלְט אִים פָּשׁוּט אַפָּאר דָאלֶער פַאר שַׁבָּת.

זֶעט מֶען וָואס עֶס אִיז אַ צַדִיק אוּן אַן אֱמֶת'עֶר חָכָם, וָואס קוּקְט אַרַיין אִין דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט דִי קְרַאנְקְהֵייט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

מִיר זֶענֶען אַלֶע קְרַאנְק יֶעדֶער אוֹיף זַיין זַאךְ, אָבֶּער דֶער צַדִיק הֵיילְט אוּנְז אוֹיס פוּן אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן פוּן וָואס מִיר לַיידְן. אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק וֶועלְן מִיר אַלֶע זַיין גֶעזוּנְט אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לַאנְגֶע יָארְן.

(אשר בנחל חלק ק"ב)



# דעם הייליגן רבינ׳ס לעבנסגעשיכטע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- ס"ו -**

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** זוּנְטָאג, אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, כ"ב נִיסָן, אִיז גֶע'הַרְג'ט גֶעוָוארְן דֶער קֵייזֶער פָּאוּל, אוּן מְ'הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער גֵייט אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי מְלוּכָה, אַלֶכְּסַנְדֶר אָדֶער נִיקָאלַיי.

* * *

סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט חִילוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן דִי צַדִיקִים פוּן דוֹר וֶוער סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ וֶוערְן קֵייזֶער. אוּן נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אוּן סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק. פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶע'חַלְשְׁ'ט אוּן אִיז אָראפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד פַאר'ן רֶבִּינְ'ס פִּיס.

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ אִים פְרֶעגְט מֶען אִין הִימְל וֶוער סְ'זָאל זַיין דֶער קֵייזֶער.

צוּם סוֹף אִיז אַלֶכְּסַנְדֶר גֶעוָוארְן דֶער קֵייזֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין בְּרוּדֶער נִיקָאלַיי פַאר זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, בִּיז אַלֶכְּסַנְדֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דַאן הָאט זַיין בְּרוּדֶער נִיקָאלַיי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה אוּן גֶעוָוארְן קֵייזֶער אִין יָאר תקפ"ז. אִין יֶענֶעם יָאר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גְזֵירָה צוּ נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער, אוּן אִינֶעם זֶעלְבְּן יָאר אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה פוּן יֶענֶעם יָאר הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט בַּיים טַאנְצְן, "אָדֶער אִיךְ אָדֶער עֶר", אוּן דַאן אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן יֶענֶעם יָאר.

אִין יֶענֶע צַייט, אֵיידֶער רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק אִיז דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט גָאר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם.

אִין זַיין חָלוֹם הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶען אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶער וַואלְד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס צוּ קֶענֶען אַהֵיים גֵיין. פְּלוּצְלִינְג בַּאגֶעגְנְט עֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד, שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶענֶעם, יֶענֶער הָאט אָבֶּער גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, קוּם מִיט מִיר". עֶר אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען מִיט יֶענֶעם, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶער הוֹיז אִין וַואלְד, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, "גֵיי אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז, דָארְט גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע סָארְט שְׁוֶוערְדְן, גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע, אוּן דוּ הָאסְט אוֹיךְ רְשׁוּת צוּ נֶעמֶען וֶועלְכֶע שְׁוֶוערְד דוּ ווִילְסְט, דוּ דַארְפְסְט אָבֶּער ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד, אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַמְמֻצָע, אוֹיף אַ מִיטְלְמֶעסִיגְן אוֹפָן".

עֶר אִיז אַרַיין אִין הוֹיז, אוּן דָארְט אִיז גֶעזֶעסְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען פוּן דָא קַיין אֵיין שְׁוֶוערְד, אֵיידֶער דוּ שְׁפִּירְסְט בַּיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט פוּלְשְׁטֶענְדִיג רֵיין אִין דַיין גַאנְצְן קֶערְפֶּער אוּן אִין דַיין בְּרִית. אוּן דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אִין הַאנְט דֶעם שְׁוֶוערְד וָואס דוּ וֶועסְט נֶעמֶען פוּן דָא".



אִינְצְוִוישְׁן אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק אַרוּמְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט זֵייעֶר טוּנְקֶעלֶע וָואלְקֶענֶעס, אוּן דַאן הָאט דֶער אַלְטֶער מֶענְטְשׁ אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גְרֵייט צוּ נֶעמֶען פוּן דָא אַ שְׁוֶוערְד, צוּלִיבּ דִי וָואלְקֶענֶעס וָואס נֶעמֶען דִיר אַרוּם. אוֹיבּ אָבֶּער קֶענְסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אִינְמִיטְן דִי וַואלְד, אִיז דָא דָארְט אַ הֶערְלִיכֶע גֶעבֵּיידֶע, אוּן דָארְט אִיז דָא אַ מֵייסְטֶער וָואס שַׁארְפְט אוֹיס שְׁוֶוערְדְן. אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועמֶען דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגַארְטְלְט מִיט אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט גוּט וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוערְד אִין הַאנְט, עֶר דַארְף אוֹיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן זַיין שְׁוֶוערְד בַּיי יֶענֶעם מֵייסְטֶער. וֶוער וֵוייסְט אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מֵייסְטֶער וֶועט דִיר עֶפֶענֶען זַיין טִיר אַז דוּ זָאלְסְט בִּכְלַל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים".

דַאן הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ עֶרְוֶועקְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, זַיין הַארְץ הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלַאפְּט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# א ריכטיגע טעות



ישראל דוד העסקעל

אין א קאלטע ווינטערדיגע נאכט, די ווינטן שמייסן, ס'איז שטאק טונקל, קיין מענטש געפונט זיך שוין נישט אויפן גאס, שלעפט זיך א חסיד וואס וויל אנקומען צו זיין רבי אויף גרויסע בערג פון לאנגע שטרעקעס, וואס ס'קוקט אויס אז ס'האט נישט קיין סוף.

אזוי גייט עס, אז א חסיד וויל גיין צו זיין רבי מוז עס זיין מיט מסירת נפש! די פוס טראגן אים קוים, א גאנצן טאג איז ער געשטאנען אויף די פוס און פארטיילט ספרים פאר אידן, עוסק געווען אין אויפפלאמען אידישע נשמות, אזוי ווי די פארצייטישע חסידים פלעגן טון.

עפעס א וואגן האט ער פארמאגט וואס מיט דעם פלעגט ער אלץ ארום פארן, אבער פונקט היינט האט עס איינער געבארגט און ער איז געבליבן אן דעם.

אזוי שלעפט ער זיך אויף די וועגן צופוס אנצוקומען צו זיין רבי'ן מיט מסירת נפש, ער שעפשעט א תפילה צום אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף איינער זאל דורכפארן און מיך מיט נעמען" אזוי חזר'ט ער זיך די תפילה מיט גרויס אמונה אז זיכער וועט זיך איינער באלד אפשטעלן און אים מיטנעמען דעם לאנגן וועג.



****

דאנערשטאג נאכט צוואנציג צו נייו שרייבט מו"ה שרגא שטראססער הי"ו א מעסעדש אויב איינער קען אים געבן א היטש צום שיעור דאנערשטאג נאכט פון דער ראש ישיבה.

אזוי ווי איך וואוין גאנץ נאנט האב איך געענטפערט יא זיכער איך קען דיר געבן א היטש.

צען צו נייו פאר איך ארויס פון שטוב צו גיין צו די שיעור פונעם ראש ישיבה אינגאנצן עקסייטעד, איך וועל אנקומען פינף מינוט פריער, איך וועל האבן א גוטע פלאץ, און נאך קענען ארייכאפן א פרק צוויי משניות פארן שיעור, וואס קען זיין בעסער פון דעם?

איך זיץ אין קאר אינגאנצן פרייליך, איך

שלענגל זיך ארויף די שטעטל גאסן, אט קום איך שוין אן צום שול, כ'בין פרייליך ביז די לבנה. אזוי ביים סוף גאס פארן שול (איסט מאנגאפ) כאפ איך זיך אוי ווי כ'האב דאך צוגעזאגט פאר איינעם א רייד!

וואס טו איך דא?

איך טראכט נישט קיין צוויי איך דריי אויס דעם קאר און גראד פאר איך צו זיין הויז צוריק דעם גאנצן וועג.

אזוי ווי איך קום אן נאנט צו זיין הויז זע איך אים שוין שטיין אינדרויסן מיט א געלע רעפלעקטער וועסטל, איך שטעל אפ דעם קאר נעבן אים, איך עפן די פענסטער און איך זע ס'איז בכלל נישט ער!

מו"ה נח הערש ווייס הי"ו שטייט ביי די זייט גאס מיטן וועסטל און בעט זיך ביים אייבערשטן "אייבערשטער העלף, איך מוז זיין ביים שיעור איך האב נישט קיין וועג, אייבערשטער שיק מיך איינער זאל מיך אויפפיקן איך זאל קענען אנקומען צום שיעור".

ווי נאר ער פארענדיגט דעם תפילה זעט ער ווי איך שטיי פארנט פון אים, איך פרעג אים אויב ער וויל אנקומען צו האשקי שול צום שיעור, ער זאגט מיר יא, שכח אייבערשטער!

איך זאג אים אז איך בין געקומען אויפפיקן א צווייטן אינגערמאן שרגי' שטראססער, ביטע קלינג אים זאג אים אז איך בין אינדרויסן.

ער קלינגט אים און שרגי' ענטפערט אים איך בין שוין לאנג אין שול... אקעי' געזונטערהייט.

איך פאר שנעל צוריק צום שיעור אין שול אריין, ס'לוינט נישט צו פארפאסן קיין איין מינוט פונעם שיעור, שכח אייבערשטער אז מיר זענען אנגעקומען פונקט אין צייט.

אויפן וועג פארציילט מיר נח הערש אז היינט האט ער געהאט די זכי' צו קענען גיין הפצה איבער פיר שעה ביים ציון פונעם הייליגן ריבניצער זי"ע, און איינער האט פון אים געבארגט זיין קאר און נאכנישט צוריק געברענגט, אבער ביים שיעור מוז איך זיין, בין איך אן קיין פלאן - נאר מיט אמונה - ארוס פון שטוב אויפן וועג צום שול, איך האב געוואוסט אז איך וועל בעטן דעם אייבערשטן און ער וועט מיר שוין באזארגן מיט א וועג.

נאכן שיעור הייב איך אן טראכטן צו מיר וואס איז דא פארגעגאנגען? שרגי' האט דאך מיר געענטפערט I want - איך וויל זאלסט קומען, אויב איז ער שוין געווען אין שול פארוואס האט ער געדארפט איך זאל קומען?

ביז איך האב געכאפט אז מסתמא האט ער געמאכט א טעות ער האט געוואלט שרייבן I went - איך בין שוין געגאנגען און בטעות געשריבן I want.

דער אייבערשטער האט געזען אז ס'איז דא א מפיץ וואס דארף א וועג אנצוקומען צום שיעור האט דער אייבערשטער מיך געקליבן צו זיין זיין דרייווער און מיך אהינגעשיקט צוריק די גאנצע וועג אז איך זאל קענען דעם מפיץ ברענגן צום שיעור.

דאס חזר'ט דער ראש ישיבה מיט אונז כסדר - רעדן צום אייבערשטן מיט תמימות און פשיטות, פון אינדרויסן זעט עס צו פשוט ארויסרעדן אפאר דיבורים צום אייבערשטן, ס'קוקט אויס זייער פשוט, מענטשן האבן ליב ווען מ'רעדט פון טון גרויסע עבודות, זיך פייניגן אדער טון קאמישע זאכן.

אבער אונזער פשוטע וועג איז א וועג פון לעבן מיטן אייבערשטן!

די וואך בין איך געזעסן ביי שלש סעודת נעבן צוויי אינגעלייט, זיי האבן גערעדט פון איינעם וואס פלעגט זיין מער פענסי' שמענסי' - טשילד אוט און לעצטענס איז ער פון איין טאג צום צווייטן געווארן א גאנצע עובד און א פרומער, ער דאווענט שחרית, מנחה, מעריב מיט מנין, ער






לערנט יעדן טאג חומש, משניות, גמרא, ער רעדט א איידעלע שפראך....

איינער פרעגט פונעם אנדערן דו ווערסט נישט אנטציקט פון דעם? ס'כאפט דיך נישט די אלע סארט זאכן? קוק ווי א מענטש האט זיך געגעבן א טויש פון איין מינוט צום צווייטן מן הקצה אל הקצה!

ניין! ענטפערט יענער, איך ווער נאכנישט אזוי שנעל אנטציקט פון דעם, דו מיינסט טאקע אז מ'טוישט זיך אזוי פון איין מינוט צום צווייטן? איך טראכט ס'איז א קאווער אפ... מסתמא איז דער גאנצע התנהגות זיינע אזוי ווייל ער זוכט צו פארדעקן גרויסע עבירות....

וואס טראכסטו? פרעגט ער מיר, איך טראכט פונקט פארקערט, זאג איך זיי, זיין גאנצע זיין טשילד אוט און קיהל איז געווען א קאווער אפ פאר אן ערנסטער תוכנ'דיגער אינגערמאן, און דאס איז ער באמת. פארוואס דארפסטו טראכטן אז דער מענטש קומט צו זיין א בעסערישע שמעקער, אפשר איז די גאנצע זאך נאר א קאווער אפ פאר א אמת'ע תוכנ'דיגע מענטש?

ביסט גערעכט איך ווייס נישט פארוואס איך האב געדארפט אזוי טראכטן...

דער ראש ישיבה האט לעצטנס גערעדט ביי א שיעור פון דעם וואס איז געווען אין די נייעס אז אילאן מאסק האט ערפונדן א טשיפ וואס מ'קען ארײנלייגן ביים מענטש אין מח, און דאס העלפט אים זיך באוועגן, דאס איז ספעציעל געמאכט פאר מענטשן וואס ליידן פון די מחלות וואס מאכט מ'זאל זיך נישט קענען באוועגן לא עלינו, און דער טשיפ קען אויף דעם העלפן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז קאנספיראציע ליבהאבער זענען געפערליך דערשראקן פון דעם, אז יעדער וועט באקומען א טשיפ און ווערן קאנטראלירט דורך מאסק, און וואס וועט מען טון אויב וועט ער הייסן דיין מח אריין טאנצן אין וואסער חלילה?

פארוואס טראכסטו נישט פארקערט - האט דער ראש ישיבה געפרעגט, אפשר וועט ער הייסן אלע וואס ווילן טאנצן דעם בריק רחמנא לצלן זיי זאלן נישט טאנצן?

דער עיקר איז א מענטש דארף קוקן אויף זיך, און נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן, נאר וויסן אז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין אין שום מציאות בלעדיך יתברך כלל - אלעס איז דער אייבערשטער און יעדער קען זיין נאנט צום אייבערשטן, יעדער קען טון די זיסע עצות פונעם רבי'ן און ווערן א גרויסע צדיק וואס איז דבוק בה'.

וואס האב איך פון דעם אז אינעם פריערדיגע דור זענען געווען אידן דבוק צום אייבערשטן? וואס געבט עס מיר אז אמאליגע חסידים זענען געווען ממש פייער? וואס וועל איך האבן פון וויסן אז די אמאליגע צדיקים פלעגן אזוי פיל משפיע זיין? אויב וועל איך גיין אין זייער טריט מיינט עס עפעס פאר מיר, אויב וועל איך עס אויך טון איז עס אינטערעסאנט, אבער סתם זאגן אמאל איז געווען און היינט איז מער נישט דא... וואס האב איך פון דעם?

וואויל איז אונז אז מיר זענען דא אין היכל הקודש און מיר פאלגן און לעבן מיט די זיסע עצות פון צדיקים, וואס באלייכט אונזערע לעבן און ברענגט אונז נאנטער צום אייבערשטן.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו.**

# גרויסע
# אויספארקויף

**קומענדיגן מיטוואך - פרייטאג**

וועט זיין א גרויסע אויספארקויף פון אלע
חפצים וואס ליגט אינעם השבת אבידה שטיבל

## גרויסע אויסוואל

רעקלער, מאנטלער, רעגן
מאנטלער, מעיל, שאלן, טליתים,
העמדער, אלע סארט מענער
וועש, שירעמס, רעפקלעטערס.


121 TWIN BRIDGE
LIBERTY NY 12754

845-243-0604

# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!



## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

ברסלב
שטיצט
ברסלב

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

# קלאסיפיידס







א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

347-578-4449 - רופט לייבי ראטה



New item

KB Seamstress

Adjustable Strap reflectors for men, ladies and kids.
price $5.50.
Call Leah Weberman
845-662-4083

## Suppers for kimpeturins

Dear friend,
We are urgently looking for new volunteers so we can continue sending suppers to the kimpeturins.
In the meantime, due to the current shortage in volunteers, we were forced to implement several changes.
We cannot send supper in the following circumstances:

1. If you have your parents or in laws living in shtetel.
2. If you have 4 or more immediate family members living in shtetel.
3. If you have children over the age of 12.

Exceptions apply, you can always ask!
To sign up pls call 347-543-8313




SALE! Motzei Shabbos 2/17 and Sunday 2/18 40% off on all seasonal winter and summer shoes! Excluding basics.



# מזל אדר דגים.

לכבוד חודש אדר ברענגען מיר א שמועס
מיטן לעגענדארן פיש סוחר און סאמע ערשטער
איינוואוינער פון אונזער הערליכן שטעטל קרית
ברסלב ליבערטי **מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו** ווי
ער וועט פארציילן אלעס ארום דעם בא'טעמ'טן
חסידיש'ן מאכל וואס ווערט ארויפגעברענגט און
געגעסן ביי אלע סעודות שבת ויום טוב און סתם
א יומא דפגרא, אדער ווען איינער וויל צובייסן א
געשמאקע נאכטמאל.

*נפתלי הירצקא וואללנער*

# מזל אדר דגים.

**א גוט יאר ר' יצחק אהרן.**

א גוט יאר מיין חבר הירצקא'לע.

**קודם שטעלט אייך פאר, ווער איז דאס ר' יצחק אהרן וויינבערג?**

מיינע עלטערן קומען פון רוסלאנד, מיין עלטסטער ברידער איז נאך דארט געבוירן. ווען די רוסישע אייזערנע פירהאנג איז איינגעפאלן זענען מיינע עלטערן ארויסגעקומען פון רוסלאנד און האבן זיך אריבערגעצויגן אויף אמעריקע.

אלס קינד אין חדר ווי אויך אלס בחור אין ישיבה האט מען מיר זייער געטשעפעט מיט מיין רוסישן אפשטאם, מ'האט מיך נאכגעשריגן אין די גאסן 'רוסקי רוסקי' - בעצם בין איך בכלל נישט קיין רוסקי "איך בין א יוד" פוטין איז א רוסקי - האב איך דעמאלט אפגעמאכט ביי מיר אז אידישקייט איז נישט פאר מיר, איך האב מער נישט געהאלטן ביי גארנישט. איך האב מיך געדרייט און געפרייט אין די גאסן, אין קיין ישיבה האב האב איך נישט געהאלטן ביים גיין איך האב מורא געהאט אז מ'וועט מיך ווייטער טשעפענען, איך האב נישט געהאלטן ביי גארנישט און איך האב נאר געטראכט וואו איך קען אפלאזן אלעס און גיין ווי ס'איז פריילך' און קיינער טשעפעט נישט, לכאורה נישט ביי די אידן, על כל פנים אן די שיעורים פון דער ראש ישיבה האב איך אזוי געמיינט.

ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב מיר צאמגעטראפן מיט א טייערער יוד מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א וואס ער האט עווענטועל ממש געראטעוועט מיין לעבן, ער איז צוגעקומען צו מיין טאטע און אים געפרעגט צו ער קען מיך נעמען צו א מלווה מלכה צום ראש ישיבה, מיך האט זייער נישט געשמעקט די גאנצע מעשה, ר' יואל טייטלבוים עפעס א פרומער אינגערמאן מיט שווארצע גלעזער וואו וויל ער מיך פארפירן, אבער מיין טאטע האט יא זייער געוואלט אז איך זאל גיין, האב איך א טובה געטון פאר מיין טאטע.

אנקעמענדיג צום ראש ישיבה בין איך ממש צוגאסן געווארן פון די ווארימע ליבליכע ווערטער, דער ראש ישיבה האט מיר איבערגעוויזן אז אידישקייט קען מען יא ענדשויען, אידישקייט מיינט נישט יענעם אוועקמאכן, אידישקייט איז זיס און געשמאק.

פון יענע מלווה מלכה האט זיך מיין גאנצע לעבן געטוישט, איך האב אנגעהויבן זיך פרייען אז איך בין א איד, איך האב זיך אנגעהויבן פרייען



חתונה פון מו"ה יצחק אהרן הי"ו

אז שלא עשני גוי, איך האב באקומען א אנדערע בליק אויף אידישקייט בפרט און אויף לעבן בכלל, שכח אייבערשטער פאר דעם.

**לאמיר פאר א מינוט צוריק מישן מיט פיר יאר צוריק ווען איר האט זיך ארייגעצויגן אין שטעטל, און איר זענט געווארן דער סאמע ערשטער תושב פונעם שטעטל "קרית ברסלב ליבערטי" - דאן א מדבר שממה - וואס האט זיך ברוך ה' שוין היינט פארשפרייט אלס א עיר ואם בישראל מיט אריבער הונדערט תושבים אנשי שלומינו בלי עין הרע, ווי אזוי איז דאס צוגעגאנגען?**

ווען איך האב חתונה געהאט האבן איך מיט מיין טייערע אשת חיל אפגעמאכט אז מיר ווילן די ברסלב'ע חינוך אויף פאר אונזערע קינדער און מ'וועט זיי ארייננשיקן אין די מוסדות. ווען מיין נחמן נתן נ"י איז געווארן די עלטער ווען מ'קען שוין שיקן אין חדר האבן מיר זיך ארייגעצויגן אין שטאט אריין אין א קליינע דירה וואס איז דאן געווען אביסל אינדרויסן פון וויליאמסבורג (דארט ווי מו"ה ליפא שווארץ הי"ו וואוינט היינט) דארט האב איך געוואוינט עטליכע יאר. ביז איך האב געהערט אז דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן רעדן אז מ'וויל אנהייבן פארמירן א שטיקל שטעטל אין די אפסטעיט ראיאן. איך האב מיך זייער געפריידט ווייל איך בין געבוירן אין קרית יואל אן די רעש און טומל פון דער שטאט און איך האב מיך נישט געקענט צוגעוואוינען צו די שטאטישע לעבנסשטייגער, איך האב דאך נאר געמופט קיין וויליאמסבורג וועגן די מוסדות, איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה צו איך זאל ארויסמופן און דער ראש ישיבה האט געגעבן די אקעי.


ערשטע יאר פונעם שטעטל

שבועות צייט תשע"ט האט מען זיך ברוך ה' אריבער געצויגן, די ערשטע פאר וואכן בין איך נישט דארט געווען פאר שבתים ווייל עס איז נאכנישט געווען קיין מנין, אבער נאך עטליכע וואכן האט דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א זיך אויך ארייגעצויגן און זייט דעמאלט איז ברוך ה' געווען מנין, ס'זענען ארויסגעקומען געסט מיט בחורים משלים צו זיין די מנין, מ'האט געדאווענט ביים מנהל ר' אברהם משה אין די בעיסמענט [אינעם קרית ברסלב בלעטל איז שוין געווען א שמועס מיט ר' אברהם משה איבער אלע דעטאלן און זכרונות מימי קדם].

היינט האלט מען שוין ברוך ה' פיר יאר וואס די שטעטל שטייט, איך האב נישט גע'חלומ'ט אז ס'גייט וואקסן אזוי שנעל, די זכרונות שווימען מיר ארויף, איך געדענק נאך ווען די חדר איז געווען ביי די מנהל אין די בעיסמענט, די מקווה איז געווען אויפן גאס אין א פראוועזארישע טענט, ווען א מיניוון האט געטראגן און געברענגט די קינדער, און היינט האלט מען שוין ביי זיבן בתי מדרשים און ס'איז שוין דא א אלטע געגענט מיט א נייע געגנט, ס'האט שוין אלעס וואס א שטעטל באדארף צו האבן, א שיינע גרויסע סופערמארקעט, א ספרים סטאר, א כולל, מיט א מנינים סענטער, א מצה בעקעריי, א בית התבשיל, מיט א קיאסק. און ווער רעדט נאך ווי

# מזל אדר דגים.





שטארק די מוסד איז זיך צעוואקסן, ס'קורסירן עטליכע באסעס לארכה ולרחבה פונעם שטעטל אפצונעמען און אהיימצוטראגן די טייערע צאן קדשים, מ'האט זיך צוריק דערזען מיט די אלטע וויליאמסבורגע פראבלעם ווען מ'טרעפט זיך אינטער א באס און יעדע פאר פיס מאכט ער א פרישן סטאפ... ברוך ה' פאר דעם.

**יעצט לאמיר צוטרעטן צו די עניינא דיומא - מזל אדר דגים, לאמיר אביסל נענטער זיך באקענען מיט'ן פישעלע. צום ערשט ווי קומט איר בכלל צו פיש?**

זייט איך געדענק מיין טאטע שליט"א ארבעט ער אין א פיש סטאר, עוונטועל האט מיין טאטע געעפנט אן אייגענעם פיש סטאר און איך פלעג אלץ גיין העלפן פאר יום טוב, איך האב גוט געוויסט אלעס ארום פיש. שפעטער ווען איך האב ארויסגעמופט צום שטעטל בין איך געזיצן איין טאג חול המועד פסח און פארברענגט, פרעגט מיר א אינגערמאן פארוואס עפענסטו נישט קיין פיש סטאר אין שטעטל? איך האב געטראכט אז ס'קען אפשר זיין א גוטער געדאנק, בין איך געגאנגען פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א אויב איך זאל טאקע עפענען א פיש סטאר, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "פארוואס טאקע עפענסטו נישט אויף?" מיט די הוראה האב איך געעפענט די פיש סטאר.

אנפאנג האט עס געארבעט אז מען האט ביי מיר באשטעלט וויפיל מען דארף פאר שבת, איך בין אריינגעפארן אויף קרית יואל צו מיין טאטנ'ס סטאר און געברענגט פיש. היינט ברוך ה' איז דא א שיינע פיש סטאר, עס איז לאקירט ביי די לאקאלע לעמאנעיד סופערמארקעט, און מ'פארקויפט פילע סארטן געשמאקע פיש ברוך השם.

**ווי אזוי גייט צו די גאנצע פראדוקציע פון פיש פון ווען מ'כאפט עס ביז ס'ליגט ארומגעוונומען מיט א צודעק פון נאסע קאטשעניאו**

**אונטער דער אלטער גוטער פריינד – דער מייער?**

די זאך איז אזוי, רוב פיש וואס מיר אידן עסן קומען אדער פון קאנאדע אדער פון אויסלאנד ווי ענגלאנד און אנדערע לענדער, אויב ביסטו שוין אמאל געווען אין א פיש סטאר וועסטו קיינמאל נישט זען א צוגעמאכטע סעלמאן פיש, אין די פאראייניגטע שטאטן איז נישט לעגאל אריינצוברענגען קיין צוגעמאכטע פיש.

די סדר גייט אזוי, ס'פארן אראפ ריזיגע גרויסע שיפן איבערן ים – וואס די שיפן האבן פארגעשריטענע טעכנעלאגיע - וואס לאזט זיך אראפ אונטערן וואסער און כאפט די פישן, דערנאך גייט עס דורך א מאשין אויפן שיף וואס רייניגט אויס די פיש. ווען די פיש קומט אן צו די אמעריקאנע באדענס טראגט מען עס צום מארקעט און דארטן קומען אלע פיש סוחרים קויפן זייערע סחורה, מ'וועלט זיך אויס וועלעכע און וויפיל מען דארף. ווען די פיש קומט אן צו מיר דארף איך אראפקראצן די שיפן און אראפנעמען די פליס פעדערן - וואס דאס איז די צוויי כשר'ע סימנים - און אראפנעמען די קאפ. מ'דארף עס רייניגן און נאכדעם דארף מען עס פעלעי'ען - דאס מיינט אראפנעמען די ביינער פון די פיש, עס שניידן און איינפאקן לכבוד שבת קודש.

**אויף וויפיל סארטן פיש איז דא א פארלאנג ביים היימישן עולם?**

בערך צוואנציג סארטן פיש. לכבוד חודש אדר וועל איך דיר אויסרעכענען א טייל פונעם ציבור.

ס'דא עטליכע סארט סעלמאן, געהעריגע סעלמאן, בעיבי סעלמאן, און ווילד סעלמאן. ענטלענטיק סעלמאן, ווייט פיש, קארפ פיש, סי-בעז, האלעבאוד, טעלאפיע, פלאנדער, טירבארד, בירזירני, און נאך עטליכע. ס'דא אסאך כשר'ע פיש ווי באקאנט דארף פיש נישט קיין מסורה אזוי ווי בעלי חיים, אבער די היימישע עולם עסט בעיקר די סארט.

עס איז אינטערסאנט אנצומערקן וואס צדיקים שרייבן וועגן פיש, די אר"י הקדוש האט מקפיד געווען צו עסן פיש ביי יעדע סעודה פון שבת, און צדיקים האבן מהדר געווען דווקא אויף לאקס פיש וואס דאס איז דער סעלמאן כידוע, אויך איז באקאנט אז צדיקים ווערן מגולגל אין פיש.

**לוינט זיך צו האלטן אפען א געשעפט אין אפסטעיט אגאנץ קיילעכיג יאר?**

יא, אידן דארפן פיש אויף שבת, די פארלאנג איז גענוג גרויס, ס'קומט טאקע נישט צו צום זומער סעזאן, אבער דער ווינטער איז נישט אוועקצומאכן, עס ברענגט שיין פרנסה.

למשל אין זומער גייט אויס אזא צוויי דריי הונדערט סלייסעס א וואך פון די געקאכטע פיש, שכח אייבערשטער פאר דעם.

**עפעס א גוט ווארט וואס איינער האט אייך אמאל געזאגט וועגן די פיש סטאר?**

איינער האט מיר געזאגט אז ס'לוינט זיך אריינצוקומען צו מיין פיש סטאר נאר צו זען מיין שמייכל, סאוי ווער ס'וויל זען מיין שמייכל קען קומען צו די לעמאנעיד סופערמארקעט ביי מיין פיש סטאר!!

**א גרויסן יישר כוח פאר'ן אוועקגעבן פון דיין טייערע צייט פאר די טייערע לייענער וואס עס וועט זיכער פארשאפן אן עונג שבת.**



שבע ברכות אין ישיבה פון מו"ה יצחק אהרן הי"ו

# דעת תורה

ג. שרייבער

דרייט זיך א מענטש אליין
אינמיטן וועג,
ווייסט נישט וואו צו גיין
וואס צו טוען מיט זיינע טעג.

ער איז געקומען אין לאנד
דא זיין פאר א שטיק צייט,
ער דארף עפעס צוריקברענגען אין האנט
מיט זיך ווען אהיים ער גייט.

אבער די שטאט טוט רוישן
די שפראך איז אים אומבאקאנט,
ער קען קיין ווארט נישט אויסטוישן
און פארהאנקערט זיך נאכאנאנד.

ער וואנדערט דא און דארט
זוכט א וועג צו מצליח זיין,
אבער מער ווי א צוהאקטע ווארט
קען ער זיך נישט באגיין.

ביז ער טוט זיך אנטרעפן
מיט א איד וואס פארשטייט אים עטוואס,
ער טוט זיין הארץ צו אים אויסרעדן
און דערציילט אים זיין פארדרוס.

קלאפט ער אים אין פלייצע
קוקט אים אין די אויגן אריין,
ר' איד איך האב פאר אייך אן עצה
נעם א וועגוויזער צו וויסן וואו צו גיין.

וייל אליין אומגיין איז קיין פלאן
דו וועסט זיך מוטשען אומזיסט,
פארשפילן דיינע טעג וועסטו דאן
וייל דו ווייסט דאך נישט וואו דו ביסט.

א וועג ווייזער וואס קען זיך אויס
וועט דיר העלפן עס וועט זיין גוט,
מיט רווחים דו וועסט ארויס
אן אים איז א שאד יעדע מינוט.

מיר זענען געקומען אויף די וועלט
מיט א תכלית מיט א ציל,
דער אייבערשטער האט אונז דא
אראפגעשטעלט
צו טון זיין רצון זיין ווילן.

דרייט זיך דער מענטש ארום און ארום
דאס לעבן גייט אין צומאל שווער,
ס'שפירט זיך אומעטיג אומעטום
און עס פאלט א טרער.

עס לויפן אדורך יארן און טעג
מען פראבירט מען שטייגט און מען פאלט,
באשעפער איך בעט דיר גיב מיר א וועג
איך ווייס נישט וואו איך האלט.

איך האב ספיקות איך בין נישט קלאר
איך זיך א וועג אין לעבן,
און ס'לויפט אריבער א יאר נאך א יאר
כ'טו שוין באלד אויפגעבן.

ר' איד מען קלאפט אייך אין פלייצע
עס איז דא פאר דיר א וועג,
ס'איז פארהאן פאר דיר אן עצה
ליכטיג צו מאכן דיינע טעג.

אט אט גייען מיר צוריק
מיט וואס קום איך אין די האנט,
אויב איך לעב נישט מיט א צדיק
וואס מאכט מיר מיין ציל באקאנט.

א צדיק איז א וועגווייזער
זאגט מיר וואס איז וויכטיג,
די מורה דרך דאס איז ער
שטעלט מיין לעבן אויס ריכטיג.

עס איז אוממעגליך
אן א מורה דרך,
אליינס קען דער מענטש נישט
זיך האלטן גוט און ערליך.

די וועלט טוט רוישן
זאכן קומען און גייען,
אלעס טוט זיך טוישן
און צימעשט אינדערמיט טוט מען שטיין.

ער ווייסט נישט וואס צו טון אין לעבן
ער ווייסט נישט וואו צו גיין,
א מתנה האט דער אייבערשטער אונז געגעבן
דעת תורה א העכערע שיין.

ויאמינו בה'
וואו גרייכט מען אזוי הויער,
דורך משה עבדו
דאס איז אונזער כח.

על הצדיקים ועל החסידים
בעטן מיר ביים קל חי,
ושום חלקינו עמהם
איך וויל מיין חלק צווישן זיי.

בלייבט איבער א שאלה
ווער טוט דער ערליכע איד זיין,
וואס וועט מיין נשמה ברענגן למעלה
א נחת פאר'ן בורא זיין?

דאס קען מען נאר וויסן
דורך די אלטע סגולה,
מיט'ן באשעפער אויסשמועסן
מאכן דערפון א תפילה.

באשעפער מיין תפילה איז
זאלסט מיר פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג,
באלייכט מיינע אויגן צום צדיק אמת
זיין דבוק לצדיקים אלע מיינע טעג.

גיי נישט נאך דיין אייגן פארשטאנד
מאך נישט החלטות אליין,
בייג זיך צו דעת תורה נאכאנאנד
וועט דיין לעבן זיין ליכטיג און שיין.




צדיקים ווערן גערופן עיני העדה
און אז מען פרעגט האט מען הדרכה, אין
יעדע מצב בכל דרכיה
האט מען סייעתא דשמיא און ברכה.

ווייל אומגיין אליין איז קיין פלאן
מען טוט זיך מוטשען אומזיסט,
נעם א מורה דרך אין דיין לעבן אריין
זאלסט וויסן ווער דו ביסט און וואס דו
טוסט.

אויפ׳ן דרך המלך שפאנען
מיט תפילה צום קל חיי,
ס׳איז אוודאי ערליכע אידן יא פארהאנען
איך איך וויל מיין חלק צווישן זיי.

צדיקים פלעגן זאגן
אז אין עולם הבא,
קען מען נאר שטיין נעבן די צדיקים
צו וואס מ׳האט זיך געקלאמערט אויף די
וועלט דא.

העלף מיר טאטע בויען מיין בית נאמן
אויף די דרך פון ערליכע אידן,
כ׳זאל זיך פון דיר נישט דארפן שעמען
זאלסט פון מיר אלעמאל זיין צופרידן.

אט אט וועט די וועלט ליכטיג ווערן
די כבוד פון באשעפער וועט אנפולן די
וועלט,
דעמאלט וועט די בחירה בטל ווערן
יעדער וועט טון וואס הקב״ה געפעלט.

דאן וועלן מיר קוקן אויף דעם
דעם מחול לצדיקים אין ירושלים וועט
געשען,
באשעפער העלף ושום חלקינו עמהם
כ׳זאל עס אויך זוכה זיין צו זען.



בית פיגא ווערק

# איך האב אלעס

- עליזה מזרחי קרית ברסלב -

עס איז אמאל געווען א מיידל, זי איז געווען זייער געספויעלד, זי האט אלעס געהאט וואס זי האט נאר געדארפט, פון וואס זי האט נאר געטראכט צו האבן האט זי גלייך באקומען. יא יא, זי האט טאקע אלעס געהאט, אבער איין זאך האט זי נישט געהאט, איין זאך האט איר געפעלט, זי האט געמיינט אז זי האט אלעס, אבער עכט האט איר עפעס געפעלט.

ווייסט עטץ וואס? ניין וועל איך אייך זאגן!

זי האט נישט געהאט קיין גוטע מידות!

אייביג האט זי ווי געטון און פארשעמט אנדערע מיידלעך, זי האט זיך געהאלטן גרעסער און בעסער פון יעדן איינעם, אויב האט מען נישט קיין גוטע מידות האט מער גארנישט אינעם לעבן, אפילו מען האט אלעס.

שכח אייבערשטער אז איך האב אלעס! וואס הייסט אלעס? דו האסט נישט אלעס! אבער איך האב "יא" אלעס! אבער וויאזוי קען זיין אז דו האסט אלעס, און עכט האסטו נישט אלעס? הערטס אויס וועט עטץ פארשטיין וואס דא גייט פאר.

דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א נאז צו שמעקן!

א מויל צו רעדן און קענען עסן!

אויגן צו זען!

אויערן צו הערן!

פיס צו גיין! איך בין נישט אין א ווילטשעיר ברוך השם!

הענט וואס קען זיך רוקן!

איך האב גוטע מידות!

איך האב א געזונטע משפחה, געשוויסטער, קאזינס, זיידעס און באבעס!

א פיינע הויז, א בעט, עסן און טרינקען, קליידער, און נאך אסאך אסאך גוטע זאכן וואס מען קען אפילו נישט אויסרעכענען וויפיל חסדים דער אייבערשטער טוט מיר מיר!

יעצט פארשטייט עטץ וויאזוי עס קען זיין אז איך האב אלעס און עכט נישט?

שכח אייבערשטער אז איך בין א איד!

בס"ד

# שווערע געלטער, גרינגערהייט.




טעקסט ריטורן איז רעדי, רוף אריין אפרים, לאז די
קעש אריינפליסן, וויש אפ די חובות, לאז איבער אין
שטוב אפאר דאלער און די איבריגע לאזט מען יערן.

**845.293.7667**

KBBSBOOKKEEPING@GMAIL.COM

#ס'גרינגער_ווי_דו_מיינסט

**KB BUSINESS SOLUTIONS**

BOOKKEEPING SERVICES

marketedge | 718.207.8863

# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך גיי אויף א נייע וועג, אבער**

א. איר קענט נישט מיטקומען
ב. עס פירט אונז צו נייע פלעצער
ג. עס איז א באהאלטענע וועג
ד. עס פירט צוריק צום אלטן וועג

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: און אז ס'איז גאר ביטער

**איז מען זיך אינגאנצן מבטל!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**הערשי טויסיג נ"י**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | א | ה | מ | ב | ק | ר | ט | ו | ו | י | פ | י | ל | ו |
| ש | ל | ב | ר | כ | ה | ר | ק | ב | מ | ד | מ | א | כ | ט |
| ר | ר | צ | ק | ז | ע | א | מ | ד | ג | י | י | נ | ו | ט |
| ח | ש | ג | ר | ו | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר |
| מ | ו | פ | ו | ר | ו | ז | מ | נ | ע | ר | ז | ר | ש | ל |
| ח | מ | ל | י | מ | י | ר | ג | נ | נ | ז | ו | מ | צ | כ |
| ז | ס | ד | י | ט | ר | ו | י | ז | ש | ק | ה | ו | ה | ה |
| ק | ל | ד | י | מ | א | י | ה | מ | י | ק | ע | נ | ע | נ |
| כ | ע | ל | י | נ | ז | ל | נ | ב | ו | כ | צ | ה | ו | ד |
| י | ו | נ | פ | מ | ה | ו | מ | י | ז | ה | ח | י | ו | א |
| ח | ו | ת | ט | פ | ר | י | ט | צ | ש | א | ר | ג | ע | ש |
| א | מ | ו | פ | כ | ו | ב | י | א | ו | ט | ל | א | ר | ט |
| נ | נ | ע | ז | י | ע | נ | ש | ח | ק | ה | ע | נ | ש | ע |
| ה | כ | צ | נ | ג | ל | ז | ר | ש | מ | ס | ז | ת | ז | נ |
| י | ו | ע | ו | ע | ה | ע | א | ב | ט | א | א | י | נ | ד |
| י | ז | א | ו | ל | ל | נ | ל | ו | צ | י | נ | ג | ו | י |
| ב | א | ו | ו | ו | ו | כ | ג | נ | י | מ | י | ר | א | ג |
| נ | ב | ח | צ | נ | ז | ר | י | מ | ג | פ | ל | ע | ג | ט |
| ו | ה | י | ד | ד | ז | כ | ס | ד | ר | מ | ק | י | י | מ |
| ו | נ | י | מ | כ | ח | ז | י | י | נ | ה | ר | ט | ד | א |

אז מען מאכט זיך א חשבון וויפיל גוטס דער אייבערשטער געבט אונז וועלן מיר זען אז מיר קענען נישט אנהייבן אים צו לויבן אויף זיינע פילע חסדים.

מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג מחזק זיין מיר זאלן גיין כסדר אין שפיטאל באזוכן חולי ישראל און מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים, חכמינו זכרונם לברכה זאגן: "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנָּם", ווער עס איז מבקר חולה ווערט ניצול פון גיהנום.

(עצות אמונה פרשת ואתחנן תשפ"ב)

## טרעף
די וועג

טרעף די וועג צו טון די גרויסע מצוה פון ביקור חולים!



## שיחות פון רבין
## פארהער

וועלכע שיחה פון ר' נתן דערמאנט דיך די בילד??






**ענטפער פון פאריגע וואך**

דער רבי זאגט: "א דאקטער וואס זאגט נישט גיין אין מקוה איז נישט קיין דאקטער!"

## א שטיקעלע
ספר המדות

# אַהֲבָה

## יא. הַשּׁוּם מְסֻגָּל לְאַהֲבָה.

עֶסְן קְנָאבְּל אִיז אַ סְגוּלָה פַאר לִיבְּשַׁאפְט.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# קינדער






די קינדער פון תלמוד תורה קרית יואל האבן צאמגעשטעלט
די ווערטער לכבוד די גרויסע שמחה פון קבלת התורה



יואליש אייזנער
קרית ברסלב



משפחת בוים
קרית ברסלב



משפחת פערל
ירושלים



משפחת פעלבלערבוים - קרית ברסלב




אליעזר שלמה שטיינבערג



ר ישעי׳לע - מרדכי פאפנהיים ירושלים



פייגי און חי׳ לאנדא קרית
ברסלב - בארג סיני



נחמן און יוסי
ראבינאוויטש



אליעזר שלמה
ברנבוים



נחמן נתן בלום
קרית ברסלב



בארג סיני בית
פיגא ירושלים

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

מירי פעלבערבוים תחי' - קרית ברסלב










שמואל בירנבוים נ"י - קרית ברסלב








# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: מעכל ראזענפעלד











אבות ובנים ביים בית המדרש אשר בנחל






שחרית ראש חודש מיט די קינדער פון תלמוד תורה
אין וויליאמסבורג - עש״ק משפטים תשפ״ד






די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל
האבן געמאכט א פלעי אויף פרשת משפטים










שבת התוועדות מיט געציילטע משפחות פון אנשי שלומינו וואס האבן
צושטייער געגעבן גרעסערע סכומים פאר מוסדותינו הקדושים



ברית פון הילד נחמן נתן נ"י בן מו"ה ליפא שווארטץ
הי"ו - ה' יתרו תשפ"ד



קרעדיט: אייזיק ראטה

ברית פון הילד פנחס דוד נ"י בן מו"ה מנחם
שטיינבערג הי"ו אין שטעטל - ב' משפטים תשפ"ד

















א בליק אין ילד שעשועים

